# אשי ישראל השלם



## אידיש



ה

# שמחת שבת

- 'שמחת שבת', שמחת שבת האב איך געזעהן אזא שמחה! אבער איך - עד היום מוטשע איך מיר איך זאל זיין פריילער! ווארן דער הייליגער רבי האט אזוי מזהיר געווען אויף שמחה - אפילו אינמיטן די וואך, ווער שמועסט שבת?! שבת איז דאך - אזא מין הייליגער דעת ווי די שמחה פון שבת - דאס איז אזעלכע הייליגע מוחין, אזעלעכס - וואס כ'האב געזעהן מיט די אויגן, עין בעין!
נו, און מיר זענען נעבעך אינדרויסן, ס'איז שווער! וואס איז אזוי שווער צו זיין פריילער?! שבת קען מען דאך אוודאי פריילער זיין, מ'האט גוטע מאכלים אויכעט... און מ'האט נישט קיין ארבעט, און מ'טאר נישט מהרהר זיין אין קיין שום עסק און מסחר, און קיין שום דאגה - גארנישט!
און אזוי נעבעך - מ'בלאנדזשעט, אנעם רבי'ן בלאנדזשעט מען! כאטש מ'איז א ברסלב'ער חסיד, אבער מ'קען נעבעך אזוי בלאנדזשען און שלאפן אלע יארן - און זיין א ברסלב'ער! אז מ'איז נישט משים לב, מ'האט נישט אויף זיך רחמנות באמת.
*
*[חוזר לענין התבודדות בלי דיבורים כדלעיל]*
איז וואס איז?! אז אפילו מ'גייט האבן התבודדות - און כ'האב נישט געהאט קיין דיבורים, כ'האב פארברענגט א שעה צייט און כ'האב נישט געהאט קיין דיבורים! האב איך נאר געזאגט; "רבונו של עולם"! איך האב געגעבן א קרעכץ! און דער קרעכץ איז אויכעט נעבעך - נישט פון טיפ'ן הארץ ווי מען דארף, נאר ס'איז פארשלאפן. איך מוטשע זיך, מ'מוטשעט זיך, אבער דאס גייט נישט פארלוירן! דוקא דאס ווערט נישט פארלוירן! אונז דאכט זיך; אז

מ'זאגט מיט התלהבות, מיט כח, נו, דאס פארשטיי איך! אבער פראסט?!

נו אוודאי, דער תכלית איז אז מ'זאל פיהלן דאס חיות, דער עיקר איז אז מ'זאל פיהלן דאס חיות. אבער ס'גייט נישט לאיבוד! קיין שום טריט - אז מ'גייט האבן התבודדות - כ'האב נישט געקענט האבן קיין התבודדות, אבער איך האב מקיים געווען דעם שעה, אז איך זאל מיר מתבודד זיין צו השם יתברך, איך זאל רעדן פאר איהם, איז דאס וואס מ'טוהט דארף מען זיין שטארק אין דעם! און מען דארף גלייבן! אז דער הייליגער רבי האט אזוי געהייסן טוהן - דארף מען אזוי צו טוהן! און דאס איז פאר אונז א גרויסער תיקון! יא.

און אזוי אלע עבודות - נישט אראפפאלן! ווארן נעבעך - אז מ'פיהלט זיך אז מ'האט נאכנישט אויסגעריייניגט די תאוות הגוף, און מ'האט דעם יצר הרע נאכנישט גע'הרג'עט - - און מ'קען איהם הרג'ענען! מיט'ן כח פונעם הייליגן רבי'ן הרג'עט מען איהם!... - - נו, וויאזוי קען איך האבן א פנים צו רעדן צו השם יתברך - זיך אויסרעדן דאס הארץ?! אז איך זעה אז איך בין אינגאנצן נישט ווי מען דארף?! ווער שמועסט פון הייליגן רבי'ן - פון הייליגן רבי'ן זענען מיר זייער ווייט! ווען מיר זאלן זיין נאנט צו איהם - ווי מער מ'איז נאנט צו איהם, און וואס מער מ'איז מקיים בפשיטות זיינע הייליגע הנהגות - זיינע הייליגע דיבורים - אפילו א חוט השערה, גאר א גרינגע זאך - וואס ער הייסט דארף מען זיין שטארק, איבערגעבן מיין מוח, ער הייסט אזוי טוהן - וואס גייט מיר אהן?! איך דארף אזוי טוהן!... יא, אזוי! און דאס גייט נישט לאיבוד, דאס נעמט זיך צוזאמען - -

למשל, איך בין צוגעקומען צו רבי ישראל'ן. נו, אינעם ערשטן טאג האב איך שוין געפיהלט אלסדינג? האב איך שוין געוואוסט אלסדינג?! און פונדעסטוועגן - ווער האט מיר געגיבן כח פון ערשטן טאג אז איך זאל בלייבן שטיין אנטקעגן אזעלכע מתנגדים - אנטקעגן אזעלכע צרות?! ווייזט אויס אז דער אייבערשטער האט רחמנות און מ'גיבט א שיין אז מ'זאל פיהלן. אבער ס'איז נישט דאס וואס - -

אז כ'האב געהערט רבי ישראל'ן זאגן תהלים, צו תפלות, האב איך געקלערט; וויאזוי קען זיין איך זאל צוקומען צו דעם?! וויאזוי קען מען צוקומען?! ס'איז מיר געווארן פינסטער פאר די אויגן - וויאזוי קומט מען צו צו אזעלעכס?! צו אזא מין עבודה?! צו אזא מין לעבן?! וויאזוי?! אצינדער זעה איך אז - ס'איז מעגליך! מ'דארף נאר גלייבן! - פון וואנעט איז ער אזוי געווארן?! פון רבי'ן! נו, ווער ס'וויל מקבל זיין פון רבי'ן! ווערדליג ער וויל, ווערדליג ער לעבט!...

ס'איז נישט שייך צו זאגן; "ס'איז געווען א רבי ישראל" - צו ס'איז געווען אנדערע חידושים פון אונזערע מענטשן - אזעלכע הייליגע, אזעלכע קדושים, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט [געמאכט מיט] זיינע מענטשן. אוודאי איז דא מדרגות, אבער דער קלענסטער - - ווערדליג מ'וויל, ווערדליג די מסירות נפש, און ווערדליג מ'פאלגט דעם הייליגן רבי'ן!